Opłata pocztowà uiszczoná ryczałtem.

Najer Folksblat

פרייז 20 גראשען

היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

אומפארטייאישע פאליטיש - געזעלשאפטליכע טאג - צייטונג

| Nr. 277/1272 | Łódź, Niedziela, 4 grudnia 1927 r. | פינפטער יאהרגאנג | לאדז, זונטאג, י' כסלו תרפ"ח | Nr. 277/1272 |
|---|---|---|---|---|

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 24-71.

Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel 2471.

# וואהלען צום נייעם סיים

## וועלען פארקומען דעם 26 פעברואר-צום סענאט דעם 4 מערץ?

וו א ר ש א, 3 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) נעכטען איז געקומען קיין ווארשא פון ספאלא דער מלוכה-פרעזידענט און נאך א בעראטונג מיט די רעגירונגס-פאקטארען האט ער אונטערגעשריבען דעם דעקרעט וועגען בעשטימען נייע וואהלען צו די געזעצגעבערישע אינסטיטוציעס. נאכמיטאג איז דער מלוכה-פרעזידענט צוריק אפגעפאהרען קיין ספאלא. דער דעקרעט וועט פערעפענטליכט ווערען אין די נאהענטסטע טעג. דער טערמין פון די וואהלען צום סיים איז בעשטימט געווארען אויף דעם 26 פעברואר, די וואהלען צום סענאט דעם 4 מערץ.

(שפעט אין אווענד איז די דאזיגע ידיעה אפגעלייקענט געווארען).

## גראניט-שטיין פון רוסישע דענקמעלער אויף א דענקמאל פאר ה. ד. נאמבערג.

וו א ר ש א, 3 (יט"א טעלעפאניש) א דעלעגאציע פון יודישען זשורנאליסטען און ליטעראטען-פעראיין אין די פערזאנען פון רעדאקטאר אפענשלאק און רעדאקטאר מ. מאזעס האט זיך געווענדעט צום פרעזידענט סלאמינסקי, אז פון די גראניט-שטיינער, וואס זענען געבליבען פונם פאנאנדערלעגען די רוסישע דענקמעלער זאל ארויסגעגעבען ווערען א שטיין פאר א דענקמאל נאך ה. ד. נאמבערג'ן.

בשעתו איז אזא שטיין ארויסגעגעבען געווארען אויף א דענקמאל פאר זשעראמסקי. דער שטאט-פרעזידענט איז נאכגעקומען די ווענדונג און האט באלד אונטערגעשריבען אנ'ענטשפרעכענדע פעראָרדנונג.

## קאסאציאנס-געריכט בעפרייט אנ'אומשולדיגען יודען.

ב וקארעשט. (יט"א). דער יוד ישראל סאלאמאן איז ארעסטירט געווארען אין יאהר 1925 אונטער דער בעשולדיגונג, אז ער האט ארגאניזירט באנדעס, וועלכע האבען געראבעוועט דערפער אין טראנסילוואניען. דאס קריגס-געריכט האט דעם אנגעקלאגטען פעראורטיילט צו 5 יאהר תפיסה.

איצט איז דער פראצעס בעטראכט געווארען אין קאסאציאנס-געריכט, וועלכער האט איינגעפינען, אז דער אנגעקלאגטער איז אומשולדיג. דאס געריכט האט מבטל געמאכט דעם ערשטען אורטייל און בעפוילען דעם אנגעקלאגטען תיכף בעפרייען פון ארעסט.

## מאגאזין-שניידער אויף דער וואך!

**פאטענטען** און האלב-יעהריגע פאטענטען אויפ'ן יאהר 1927 דארפס איהר זיך שוין קומען אינפארמירען אין פעראיין אריין. געדענקט, אז עס איז שוין שפעט!

**מיטגלידער** וועלכע האבען זיך שוין פערעגיסטרירט צום צעך דארפען זיך מעלדען אין פעראיין יעדען אווענד פון 8 ביז 10 וועגען א וויכטיגע אינפארמאציע. טעג זענען געבליבען געצעהלטע.

**8-טונג דאמען-שניידער!** היינט, 8 א זייגער אווענד קומט פאר א מאסען-פערזאמלונג פון מיטגלידער און נישט-מיטגלידער וועגען דער לעצטער האנדלונג פון די קאנפעקציאנערען.

**8-טונג מענער-שניידער!** מאנטאג, דעם 5-טען ה. ח. 8 א זייגער אין אווענד א פערזאמלונג פון גאנצען פאך וועגען זעהר וויכטיגע בעריכטען

**אנאנס!** דער מאגאזין-שניידער-מייסטער-פעראיין זוכט א וואזשנע און האט איבערצוגעבען א בופעט. מעלדען קען מען זיך יעדען אווענד פון 8 – 10 א זייגער

פערוואלטונג פון מאגאזין-שניידער-מייסטער-פעראיין אלעע 1-טן מאי 2.

KONJAKI
V. S. O. P.
Jubileuszowy — Rés. Spéciale
Winiak Médicinal — Winiaki mieszane

**Winkelhausen**

WÓDKI – LIKIERY
Stołowa — Starka — Żytniówka
Banan — Morelówka
Grand Cardinal — Cordial Médoc

ZAKŁADY PRZEMYSŁOWE WINKELHAUSEN, TOW. AKC. STAROGARD-POMORZE, ZAŁ. 1846.

## גרויסע חנוך-הספר-תורה-פייערונג

פון דער חברה משמורים מזאלאשין פה לאדז.

מוצש"ק, פ' וישב, כ"ג כסלו (ד. 17 דעצ.), 5 א זייגער אין אווענד, וועט אין גרויסען ענגלישען זאל (אלעע 1. מאי 2) פארקומען א גראנדיעזער

# חנוך-הספר-תורה-פייערונג

מיט דער בעטייליגונג פון א בעריהמטען חזן מיט א כאר פון 15 פערזאן.

בעמערקונג: פרויען ווערען העפליך געבעטען צו קומען וואס פריהער נ"יהען די יריעות. מיט אכטונג 773

די חברה משמורים מזאלאשין פה לאדז, פולנאצנא 7.

Towarzystwo Akcyjne
Kurlandzkiej Olejarni w Wilnie
założone w roku 1898.

**OLEJLNIANY**

filtrowany, prasowany z najlepszych gatunków nasion krajowych.

Przedstawicielstwo na Łódź i województwo łódzkie:
Inż. Techn. STANISŁAW GROSBERG,
ŁÓDŹ, KILIŃSKIEGO Nr. 89, tel. 11-76.

769

**Dr. med. A. MAZUR**

האט זיך איבערגעצויגען פון נארוטאוויטש 44

אויף וואסטאניא 65, טעל. 10-99

(איינגאנג דורך פעטריקאווער 46).

נעהמט אן פון $11^{30}$–$12^{30}$ און פון 3–5 נאכמ.

770

## א צימער

מיט א בעזונדערן איינגאנג איז פון זאפארט צו פערדינגען. ריזא, אין פארבען-געשעפט אויף טארגאווא 23. 775

760

די עלעגאנטסטע

## און שענסטע דאמען

קויפען איין זייערע

# פערפומען

און קאסמעטיק נור אין דער גרעסטער קאנקורענץ-פערפומעריע פון

**S. BUCHWEITZ,**

PIOTRKOWSKA 22. ** TEL. 31-43.

א הערצליכען מזל-טוב!

ווינשען מיר אונזער געעהרטען פרעזעס מענדל מינץ און פרוי צו זייער

**ניי-געבוירענעם זוהן**

מיר ווינשען זיי א גרינגע ערציהונג און פיל גליק.

די פערוואלטונג פון מערק- און טארג-שטייערס.

וויצע-פרעזעס מ. פריינד, סעקרעטאר א. זילבערינג

מ. קרול, מ. פידלער, פ. פארבער, י. פאפאוויטש.

## קאלאניאל-קליינהענדלער-פעראיין

צעגעלניאנא 15 766

טיילט מיט, אז עס איז שוין ארויס דער צעטעל נומ' 13, בעשטעטיגט פון ליכוויד-אמט.

דערמיט ווערט ערקלערט דער צעטעל נומ' 12 פאר אונגילטיג. כדי אויסצומיידען פראטאקאלען, איז ווינשענסווערט ביז דינסטאג, דעם 6. דעצ. צו בעזארגען זיך מיט דעם צעטעל № 13 די פערוואלטונג.

א הערצליכען מזל-טוב!

ווינשען מיר אונזערע געליבטע פריינד פאלא און מענדעל מינץ צו זייער

**ניי-געבוירענעם זוהן**

מיר ווינשען זיי פיל גליק און א גרינגע ערציהונג.

אנדזשא בארענשטיין, מאניעק פייז

שוועסטער אנדזשא ניסענאוויטש

און מאניעק גאלדבערג.

